בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת בא תשע"ח** **גליון 441 [שנה י']**

**פארוואס ווערט דערמאנט אין פסוק די קנעכט פון פרעה?**

וַיֹּאמֶר ה' אֶל־מֹשֶׁה בֹּא אֶל־פַּרְעֹה כִּי־אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת־לִבּוֹ וְאֶת־לֵב עֲבָדָיו לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ: (י א) לכאורה איז שווער דער מהלך אין פסוק, ווייל וואס איז די שייכות בֹּא אֶל־פַּרְעֹה צו כִּי־אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת־לִבּוֹ וְאֶת־לֵב עֲבָדָיו און דעריבער לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ? נאר עס שטייט (סנהדרין דף נ"ז:) בן נח אין צריך התראה, אז א בן נח דארף נישט התראה כדי מקבל זיין א עונש, אבער דאס איז נאר פאר א יחיד, אבער כדי צו שטראפן א ציבור דארף זיין א התראה. ממילא איז זייער גוט דער מהלך פון פסוק: בֹּא אֶל־פַּרְעֹה און וְהִתְרָה אוֹתוֹ– גיב אים א התראה– איז דאך שווער די קשיא אז א יחיד, בן נח, דארף נישט התראה? דעריבער שטייט כִּי־אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת־לִבּוֹ וְאֶת־לֵב עֲבָדָיו, איז דא שוין פאר א רבים און א רבים דארף יא התראה, דעריבער וְהִתְרָה אוֹתוֹ, פארוואס לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ, צו קענען געבן א עונש. (מדרש יהונתן אייבישיץ)

**נעמט נישט קליינע קינדער אין שול ביים דאווענען**

וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יְהִי כֵן ה' עִמָּכֶם כַּאֲשֶׁר אֲשַׁלַּח אֶתְכֶם וְאֶת־טַפְּכֶם רְאוּ כִּי רָעָה נֶגֶד פְּנֵיכֶם: (י י) שטייט אין שו"ע (או"ח סי' צח א אין מגן אברהם ס"א און אין משנה ברורה סק"ג משל"ה הק') אז מען זאל נישט ברענגען קליינע קינדער שלא הגיע לחינוך צום שול ווייל זיי וועלן שטערן דיין דאווענען און נישט קענען מכווין זיין, ווייל מען מוז אכטונג געבן אויף זיי כסדר און אויך וועלן שטערן אנדערע. קען מען מרמז זיין די הלכה אין דעם פסוק: פרעה האט געפרעגט יְהִי כֵן ה' עִמָּכֶם? וועט איר דען קענען אינזינען האבן ביים דאווענען, כַּאֲשֶׁר אֲשַׁלַּח אֶתְכֶם וְאֶת־טַפְּכֶם, אז איר וועט מיט נעמען די קליינע קינדער? רְאוּ, זעט און פארשטיי, כִּי רָעָה נֶגֶד פְּנֵיכֶם, עס איז נישט גוט פאר אייך, צו קענען אינזינען האבן, נעמט זיי נישט מיט. (כבוד שמים הגאון ר' אברהם שטערן בעל מליצי אש)

**פארוואס שטייט עוד נֶגַע אֶחָד, וואס מיינט אֶחָד?**

עוֹד נֶגַע אֶחָד אָבִיא עַל־פַּרְעֹה וְעַל־מִצְרַיִם אַחֲרֵי־כֵן יְשַׁלַּח אֶתְכֶם מִזֶּה: (יא א) שטייט אין מדרש נֶגַע אֶחָד, אֶחָד זה אברהם, וועלכע נֶגַע מיינט אחד זה אברהם! וואס איז דער פשט אין דער מדרש פליאה? נאר עס שטייט אין מדרש אז די עֶשֶׂר מכות זענען כנגד די עשרה נסיונות פון אברהם אבינו, קומט אויס אז די נסיון פון די עקידה וואס איז געווען די לעצטע איז כנגד מכת בכורות וואס איז אויך די לעצטע מכה. און עס שטייט אין מס' פסחים ווען דער אויבערשטער איז געגאנגען ראטעווען אברהם פון אור כשדים, האט ער געזאגט אז עס פאסט פאר א יחיד– דער אויבערשטער, צו ראטעווען א יחיד– אברהם, פון אור כשדים, דאס מיינט דער מדרש: עוֹד נֶגַע אֶחָד וואס דאס איז מכת בכורות, וואס איז לכאורה שווער פארוואס האט דער אויבערשטער אליין געמאכט די מכה און נישט דורך משה, אזוי ווי עס שטייט (יב יב) וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ־מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה וְהִכֵּיתִי כָל־בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם. און עס איז באוואוסט דער דרש אני ולא מלאך, נאר ווייל די מכה איז כנגד די עקידה וואס אברהם איז געווען א יחיד דעריבער האט דער אויבערשטער וואס איז א יחיד געברענגט די מכת בכורות. (תקנתא דמשה הגאון ר' משה ברלינער הסכמת השאגת ארי' ועוד הרבה) אבער עס איז שווער לכאורה, ווייל אויב די מכות זענען כנגד אברהם, וואלטן אלע מכות געדארפט זיין דורך הקב"ה וואס איז א יחיד? נאר אפשר ווייל ביי די נסיון העקידה איז געווען קַח־נָא אֶת־בִּנְךָ אֶת־יְחִידְךָ: (בראשית כב ב) וואס יצחק איז געווען א יחיד. און אויך דורך דעם נסיון העקידה איז געווען צו שטארקן די אמונה אין אויבערשטן אויפן וועלט, און אזוי אויך איז דורך די מכת בכורות שטארקער געווארן אמונה בה' וואס ער איז א יחיד, דעריבער האט די מכה געטאן געווארן דורך א יחיד בעולמו קוב"ה. (שמח זבולון תשע"ח)

**פארוואס דא הייסט מען נישט נעמען שְׂמָלֹת?**

דַּבֶּר־נָא בְּאָזְנֵי הָעָם וְיִשְׁאֲלוּ אִישׁ | מֵאֵת רֵעֵהוּ וְאִשָּׁה מֵאֵת רְעוּתָהּ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב: (יא ב) פרעגן אלע אז דא שטייט דער אויבערשטער האט געהייסן מען זאל נאר בארגן כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב און אין פ' שמות שטייט (ג כב) וְשָׁאֲלָה אִשָּׁה מִשְּׁכֶנְתָּהּ וּמִגָּרַת בֵּיתָהּ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב וּשְׂמָלֹת וְשַׂמְתֶּם עַל־בְּנֵיכֶם וְעַל־בְּנֹתֵיכֶם וְנִצַּלְתֶּם אֶת־מִצְרָיִם: דארטן שטייט מען זאל בארגן כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב און אויך וּשְׂמָלֹת? נאר עס שטייט אז כלל ישראל לא שינו את לבושם, זייער בגדים איז געווען אנדערש פון די מצריים, ממילא ווען דער אויבערשטער האט געגעבן דער ציווי אין פ' שמות וּשְׂמָלֹת איז געווען גענוג צייט צו בארגן די מלבושים פון די מצריים און דאס בייטן און פארעכטן עס זאל זיין א בגד וואס פאסט פאר א איד, דעריבער שטייט אויך וּשְׂמָלֹת, אבער דא רעדט מען שוין בשעת מען האט געיאָגט די אידן זאלן ארויסגיין פון מצרים איז נישטא קיין צייט צו פארעכטן קליידער, דעריבער איז דער ציווי נאר כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב. (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' יצחק הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב) והנני מוסר עוד מודעה שהחלטתי להתפלל בלי נדר בכל יום על כל אלה שיעיינו בספר ויגידו בשמי דברי תורה לאחרים שיוושעו מכל צרה שצריכים ישועה בעולם הזה ובעולם הבא. יארצייט י"ג טבת

**וועגן וואס דארף מען דערמאנען די גרויסקייט פון משה אין דעם פסוק?**

דַּבֶּר־נָא בְּאָזְנֵי הָעָם וְיִשְׁאֲלוּ אִישׁ מֵאֵת רֵעֵהוּ וְאִשָּׁה מֵאֵת רְעוּתָהּ וַיִּתֵּן ה' אֶת־חֵן הָעָם בְּעֵינֵי מִצְרָיִם גַּם הָאִישׁ מֹשֶׁה גָּדוֹל מְאֹד בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּעֵינֵי עַבְדֵי־פַרְעֹה וּבְעֵינֵי הָעָם: (יא ב ג) דארף מען פארשטיין אז מען רעדט דא פון גיין בארגן כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב פון די מצריים אויב אזוי ווי קומט אריין דא צו דערציילן אז גַּם הָאִישׁ מֹשֶׁה גָּדוֹל מְאֹד בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם, ווייל וואס איז אונז א נפק"מ? נאר עס שטייט (משלי ח י) חֲכַם־לֵב יִקַּח מִצְוֹת, זה משה רבינו שכל ישראל היו עוסקין בביזת מצרים, אלע אידן זענען געווען פארנומען מיט נעמען כלים און רויב פון מצרים, והוא –משה– היה עוסק במצות – פון נעמען– עצמות יוסף שנאמר וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ, (שמות יג יט) יעצט וואלט מען געקענט זאגן אז די סיבה פארוואס משה איז געגאנגען עוסק זיין מיט עצמות יוסף איז נישט ווייל ער האט געזוכט מצוות, נאר פשוט ווייל ער האט זיך געשעמט גיין צו די מצריים און זיי בעטן זאכן, נאכדעם וואס ער האט געברענגט אויף זיי די אלע מכות און אפשר האבן זיי אים פיינט געהאט, דעריבער דערציילט די הייליגע תורה: גַּם הָאִישׁ מֹשֶׁה גָּדוֹל מְאֹד בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּעֵינֵי עַבְדֵי־פַרְעֹה וּבְעֵינֵי הָעָם, אז די מצריים האבן גאר ארויף געקוקט און מכבד געווען משה, איז על כרחך פארוואס איז ער נישט געגאנגען נעמען ביזת מצריים? ווייל חֲכַם־לֵב יִקַּח מִצְוֹת א חכם זוכט טאן נאר מצוות. (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' יצחק הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב)

## מדור העובדות
# דער הייליגער חת"ם סופר און כתב סופר מאכן א שידוך באופן פלא


הגאון ר' אליעזר זוסמאן זצ"ל

הגאון רבי אליעזר זוסמאן סופר זון פון הגאון רבי מרדכי אפרים פישל אב"ד פאקש -מחבר ספרי עֵט סופר, המקנה, דמשק אליעזר זוסמאן, און נאך, (נפ' ט תשרי תרס"ג)-. איז געווען א תלמיד פון הייליגן חת"ם סופר און דערנאך ביים כתב סופר. ער איז שוין געווען א עלטערער בחור אבער פון די מצויינים אין ישיבה און דער כתב סופר האט אים געפרעגט פארוואס האט ער נישט חתונה? האט ער געענטפערט אלע ווייסן אז ער איז א יתום און א ארימאן און ווער וועט אים וועלן אין פרעשבורג! פרעגט אים דער כתב סופר אפשר גיי אין א אנדערן שטאט און דארט וועט מען דיר נעמען וועגן דיין תורה? ענטפערט ר' אליעזר זוסמאן ער פארמאגט נישט אפילו א גראשן! זאגט אים דער כתב סופר אז ער האט אויך נישט קיין געלט אבער ער קראצט צאם פון זיינע קעשענעס 97 גראשן, און זאגט מיט די געלט זאלסטו פארן אין א אנדערן שטאט און דער אויבערשטער וועט דיר דארט שיקן א שידוך און ווינטשט אים א ברכה.

ר' אליעזר זוסמאן ווייסט אז מיט 97 גראשן קען מען ווייט נישט פארן אבער ער פארט צום באן סטאנצ' פול מיט אמונה אין זיין רבין און פרעגט דארטן אין סטאנצ' צו וועלכער שטאט קען ער פארן מיט 97 גראשן? האט דער אפיצער געלאכט, און געענטפערט דאס וועט דיר נאר נעמען צום גרעניץ פון פרעשבורג און דארטן וועסטו קענען גיין צו פיס צו א אנדערע שטאט. ר' אליעזר זוסמאן טראכט אז אין יענע שטאט וועט מען גלייך וויסן נאך צופרעגן אין ישיבה און זיי וועלן וויסן זיין צושטאנד! ער פרעגט דארטן אידן עפעס א עצה און איינער זאגט אים ביים טייך דונא איז דא א שיף וואס פארט אין א אנדער שטאט פאר זייער ביליג, אומר ועושה און ער גייט צום טייך און פרעגט ביז וואו קען ער פארן מיט 97 גראשן? האט מען געענטפערט א דארף ווייט פון פרעשבורג.

ר' אליעזר זוסמאן ווייסט אז אין יענע דארף וואוינען נישט קיין אידן און ווי וועט ער טרעפן דארט א שידוך! אבער ער טראכט אז דער רבי הייסט פארן מיט די 97 גראשן און געגעבן זיין ברכה, פרעגט ער נישט קיין קשיות און צאלט 97 גראשן און פארט מיטן שיפל, ווען ער קומט אן אין ברעג פון יענעם דארף, וואס האט נישט געהאט א נארמאלן פלאץ זיך אפצושטעלן און ער איז אראפ צווישן די הויכע גראז ביים ברעג דאָרף און ר' אליעזר זוסמאן גייט שטאט צווישן די הויכע גראז, און שטעלט זיך אפ געבן א תפילה פארן אויבערשטן ער זאל אים טרעפן די ריכטיגן וועג צו גיין, און ער גייט און גייט ביז ער איז ארויס פון די הויכע גראז און זעט שוין די דארף און אויף א באַנק זעט ער א בכבוד'דיגער איד, א בעל צורה, און ר' אליעזר זוסמאן איז פריילאך צו זען א איד און לויפט שנעל צום איד און גיט אים שלום עליכם. און דער איד פרעגט ר' אליעזר זוסמאן וואס ער טוט דא אין דעם דארף? ר' אליעזר איז געווען איבערגענומען ביי זיך און פרעגט דעם חשובן איד וואס טוט איר דא?

דער איד ענטפערט ר' אליעזר זוסמאן עס איז נישט קיין דרך ארץ! ראשית בין איך עלטער פון דיר, און אויך איך האב דיר געפרעגט ערשט!. ר' אליעזר האט אים געבעטן מחילה, ווייסנדיג אז יענער איז גערעכט. און ר' אליעזר זוסמאן דערציילט פארן איד די גאנצע מעשה מיטן כתב סופר און די 97 גראשן וואס האט אים דא געברענגט וועגן א שידוך און ער ווייסט נישט ווי וועט ער דא טרעפן א שידוך אין אזא דארף וואס וואוינען נישט קיין אידן!

דער איד גיט ר' אליעזר זוסמאן א טאפ אויפן פלייצע און זאגט "דו ביזט מיינער!" ר' אליעזר זוסמאן ווערט צומישט און פארשטייט נישט וואס איז דא געשען! ווען ער קומט צו זיך זאגט אים דער איד: איך הייס יואל אונגאר און איך בין דער רב פון שטאט פאקש - הגאון ר' יואל אונגאר בן ר' אליעזר אב"ד פאקש, מח"ס שו"ת הריב"א. נפ' י"א טבת תרמ'ז.- און איך האב א געראטענע טאכטער און איך וויל דיר פאר א איידעם! ר' אליעזר זוסמאן זאגט אז ער איז זיכער מסכים צום שידוך, און ר' אליעזר זוסמאן פרעגט אים יעצט ווי אזוי קומט ער דא אין דעם דארף?




ר' יואל ענטפערט אים אז ער האט געלערנט ביים הייליגן חת"ם סופר און נעכטן באנאכט איז מיין רבין געקומען צו מיר אין חלום און געזאגט איך זאל פארן אין דעם דארף און דארטן וועסטו טרעפן א בחור פאר דיין טאכטער! איך האב געהאט אמונה אין מיין רבין און נישט געטראכט צוויי מאל אפילו איך האב געוואוסט אז אין דעם דארף וואוינען נישט קיין אידן, יעצט זע איך אז דער כח פון מיין אמונה אין חת"ם סופר און דיין כח אמונה פון דיין רבין דער כתב סופר האבן מיר געמוזט זיך טרעפן אין א פארווארפענעם דאָרף און דער שידוך איז געשלאסן.

און די חתונה איז געפראוועט געווארן מיט גרויס פרייד און ר' אליעזר זוסמאן איז שפעטער געווארן אב"ד אין פאקש אליין ממלא מקום פון זיין שווער זיע"א.

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

מכתב קודש של הקדושה ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תר"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר זוסמאן פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800, ספר עבודת הגרשוני תנינא דפו"ר $1000, ספר לחם שמנה ראפשיץ דפו"ר $600, ספר כתנות האיפוד דפו"ר $1000, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $500, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500, 100 היתר נישואין נאך די שואה תש"ו מיט חתימת פון בי"ד, אסאך היסטאריה פון די משפחות $15000 20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפן

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***